בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

בהר-בחוקתי




## ווערט באשאנקען מיט אלעם גוטן

**מיר** וועלן אנהייבן דעם שיעור מיט די באקאנטע רש"י וואס מען טרעפט ביי דעם ערשטן פסוק פון די וואכעדיגע סדרה וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "**אם בחוקתי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ונתתי גשמיכם בעתם**", אויב דו וועסט גיין אין מיינע וועגן און היטן מיינע מצוות... וועל איך דיר געבן רעגן אין צייט (בחוקותי כו, ג-ד). און נישט נאר רעגן וועט אונז דער אויבערשטער שיקן, נאר דער פסוק רעכנט אונז אויס א לאנגע רשימה פון שכר וואס השי"ת וועט אונז געבן אויב מיר וועלן גיין אין זיינע וועגן. "**וישבתם לבטח בארצכם**", איר וועט רוען אין אייער לאנד. "ונתתי שלום בארץ", ער וועט אייך געבן פרידן אין אייער לאנד. קוק אריין אין חומש, וועט איר טרעפן א געוואלד מיט גוטע זאכן וואס איר קענט זוכה זיין, אויב איר גייט אין די וועגן פונעם אויבערשטן.

יעצט דארפן מיר וויסן וואס עס מיינט, "גיין אין די וועגן פון אויבערשטן און היטן זיינע מצוות". און דאס איז די קשיא וואס רש"י פרעגט. 'יכול זה קיום המצוות', איך וואלט געמיינט אז דער פסוק באציט זיך דא צו קיום המצוות אבער עס שטייט קלאר **ואת מצותי תשמרו**, די ווערטער באציט זיך צו קיום המצוות, דעמאלטס וואס מיינט די ווערטער **אם בחוקותי תלכו**, איר זאלט גיין אין מיינע וועגן? אויף דעם ענטפערט רש"י אז דאס מיינט 'שתהיו עמלים בתורה', איר זאלט זיך פלאגן אין די תורה. **תלכו** מיינט איר זאלט מאכן פארשריט. עס איז נישט גענוג וואס מען "האלט" די תורה נאר מען דארף זיך שטייגן אין איר מיט פלאג און מי. און דאס מיינט אז מיר האבן דא ארבעט גרייט פאר אונז.

### א מענטש איז געקומען אויף דער וועלט צו ארבעטן

**אויב** איר ווילט דינען דעם אויבערשטן נעמט עס פלאג און מי. איך ווייס אז פאר אונזערע אויערן איז דאס שווער צו הערן און שווער אנצונעמען. מיר ווילן נישט ארבעטן שווער. אפשר אביסל ארבעט איז גוט, אבער צו הארעווען? דאס לאזן מיר איבער פאר אנדערע! יעצט די ערשטע זאך וואס מיר דארפן אריינלייגן אין אונזערע אויערן איז אז מיר זענען געקומען אויף דער וועלט צו ארבעטן...

אין איוב שטייט: "אדם לעמל יולד", א מענטש איז געבוירן געווארן צו ארבעטן. דער

אמת איז אז אלע באשעפענישן אויף דער וועלט דארפן ארבעטן, ארייגערעכנט די פייגל, חיות, אפילו די פלאנצונגען, זיי דארפן מאכן א געוויסע אנשטרענגונג פאר זייער עקזיסטענץ. אבער דאס איז נישט זייער תפקיד פארוואס זיי זענען געקומען אויף דער וועלט. זיי זענען דא פאר א נוצן און נישט כדי צו ארבעטן שווער. זייער ארבעט איז נאר זיך צו דערהאלטן ביים לעבן. זיי דארפן ארבעטן צו טרעפן עסן, באהעלטעניש ערטער און איבערלעבן, אבער דאס איז נישט זייער ציל אין לעבן.

אבער מיט מענטשהייט איז אנדערש, **אדם לעמל יולד**, זיין תפקיד אויף דער וועלט איז צו הארעווען. דאס איז א וויכטיגע נקודה וואס איר הערט יעצט. אין פאקט איז דאס די נקודה פון אלע נקודות!

## עמלת התורה

**צו** הארעווען אין תורה האט עטליכע אפטייטלונג. אבער די ערשטע זאך וואס קומט צום געדאנק ווען מען לערנט די ווערטער פון רש"י, 'שתהיו עמלים בתורה' איז לימוד התורה. ווען אימער איר האט א געלעגענהייט זאלט איר לערנען, און נישט סתם נאר הארעווען אין תורה, עס איז נישט דא קיין בעסערס פון דעם. אפילו ווען איינער לערנט תורה קען ער זיך אויסוועלן צו לערנען גרינגערע זאכן, אבער אויב ער לערנט גמרא האט ער זיך געפלאגט אין לערנען. גמרא איז קיינמאל נישט גרינג. 'לא כרת הקדוש ברוך הוא הברית את ישראל אלא בשביל תורה שבעל פה. השי"ת האט געמאכט א בונד מיט די אידן נאר וועגן תורה שבעל פה (גיטין ס' ע"ב) ווייל ס'איז שווער צו לערנען תורה שבעל פה, איבערהויפט איידער עס איז אראפגעשריבן געווארן ווען מען האט נאך געלערנט אויף אויסעוווייניג.

יעדער איד מוז דערגרייכן צו לערנען כל התורה כולו, און דאס קען מען נאר אויב מען הארעוועט. ס'איז שווערע ארבעט אבער דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל. ווי מער איר פלאגט זיך אלץ גרעסער וועט זיין די שכר, לפום צערא אגרא. אויב איר האט קשיות אין די גמרא זאלט איר נישט ווערן געפאלן ביי זיך. איר זאלט וויסן אז דער תוספות האט געהאט מער קשיות וואס מיר האבן, ווייל ער האט זיך מער געפלאגט איבער די גמרא. ווען ער האט געענדיגט לערנען א סוגיא פלעגט ער אויסרופן: "איך פארשטיי בכלל נישט די גמרא!" ווען מיר לערנען עטליכע מינוט זאגן מיר: "אה, איך פארשטיי שוין!" ווייל מיר הארעווען נישט. תוספות האט אנגעשטרענגט זיין מח, ער האט געהארעוועט און געהאט אסך קשיות!

## לעשות. וואס דארף איך טון?

**ווען** דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, שטייט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט געבענטשט דעם זיבעטן טאג, "כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלוקים לעשות", ווייל אין דעם טאג האט ער אויפגעהערט צו ארבעטן וואס ער האט באשאפן צו טון. אויב מען קוקט זיך גוט איין אין דעם פסוק זעט אויס אז די לעצטע ווארט, **לעשות** איז איבעריג. ער האט באשאפן צו טון? עס וואלט געדארפט שטיין: "אשר ברא אלקים", ער האט באשאפן! און דאס אלעס.

אין דער פסוק מיינט די ווארט **לעשות** אז ער האט באשאפן די וועלט אז עס זאל

ארבעטן כסדר, אז די בריאה גייט ווייטער אן נאכדעם וואס זי איז באשאפן געווארן. למשל. א קו עסט גראז, און געבוירט קוען וואס עסן אויך גראז, ווערן גרויס און געבוירן אויך קוען און אזוי ווייטער די צורקל. דער אויבערשטער האט דאס געמאכט לעשות, אז די בריאה זאל ווייטער פארן מיט די טבע.

## לעשות וואס איז שייך פאר א מענטש

**די** חכמים קומען אונז לערנען אז לעשות פאר א מענטש האט אן אנדערע באדייט. נאך אלעמען זענען מיר באשאפן געווארן מיט אן אנדערע ציל ווי א קו!

אויף דיווארט לעשות איז דא א מדרש: ס'איז א משל צו א בעל מלאכה וואס ארבעט אין זיין געוועלב, ווען זיין קליינע זון קוקט זיך איין צו וואס ער טוט. און ווען ער וואקסט אונטער זאגט אים דער טאטע: יעצט נעם איבער דאס געוועלב!

דער נמשל איז אז בעפאר דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט נאך דער מענטש נישט עקזיסטירט נאר דער אויבערשטער. ווען ער האט באשאפן די וועלט האט ער געזאגט: **לעשות**, יעצט איז דיין צייט צו זיין א טוער! איך וויל אז דו זאלסט יעצט ווערן פארנומען צו טון. **אשר ברא אלקים לעשות**, ער האט באשאפן צו טון, דאס מיינט אז פון היינט און ווייטער מוז דער מענטש טון.

## ברוכים הבאים צו דער וועלט

**מען** דארף וויסן אז דער וועלט איז נישט קיין וואקאציע פלאץ, דא איז א פלאץ צו ארבעטן! **'אמר רבי אלעזר כל אדם לעמל נברא'** (סנהדרין צח ע"ב). יעדער מענטש איז באשאפן געווארן צו ארבעטן און עס איז נישט דא קיין וועג זיך ארויסצודרייען אויב איר ווילט ערפילן אייער תפקיד דא.

ארבעט איז א פאנדעמענטאלע חלק פון נאטור. ווען א מענטש ארבעט נישט וועט ער אראפגיין פון זינען. ס'איז אן אינטערעסאנטע אספעקט פון לעבן אז א מענטש האט פיינט ארומצופוילעצן. אפילו אן עושר וואס דארף נישט ארבעטן, וועט זיך טרעפן וואס צו טון, ער וועט ארומרייזן, אנדערע וועלן טון אונטערוועלט זאכן, אבי צו זיין פארנומען.

## די ריכטיגע ארבעט

**דאס** אלעס איז נאר א דוגמא צו די ריכטיגע ארבעט וואס איז אסאך טיפער פון פשוט'ע טאג-טעגליכע ארבעט. ווייל א מענטש איז נישט באשאפן געווארן צו דרייוון א קאר אדער זיין א ציין דאקטער! דער שטופ פון ארבעטן האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אינעם מענטש אים צו טרייבן צו טון די ריכטיגע ארבעט.

דער מדרש ברענגט: "**הכל צריכין עשי'ה**", א מענטש איז נישט באשאפן געווארן א פארטיגע פראדוקט. דאס ווארט קומט אונז לערנען אז די ארבעט איז נאכנישט פארטיג. **ברא אלוקים**, דער אויבערשטער האט אייך באשאפן, **לעשות**, אז איר זאלט עפעס מאכן פון אייך, דאס איז אייער ארבעט אין לעבן און ס'איז דא אזויפיל צו טון, דאס מיינט אז איר האט אסאך ארבעט וואס ווארט אויף אייך.

## האט איר אויסגעפירט אייער שליחות?

**ס'איז** נישט גענוג אז איר האלט זיך אפ פון עבירות, דאס איז טאקע זייער וויכטיג אבער נאך אלעס מוזט איר טון עפעס פאזיטיוו מיט זיך. ס'איז א משל צו א טראק דרייווער וואס זיין בעל הבית האט אים געשיקט דעם לאנגן וועג קיין לאס־אנדזשלעס צו דעליווערן סחורה. אומקערנדיג זיך צום קאמפאני האט ער זיך אויפגעטון אויף דעם געלונגענעם רייזע. "עס איז מיר ב"ה געלונגען זיך צו פארהיטן פון די פאליציי. איך האב נישט געמאכט קיין איין עקסידענט און נישט באקומען קיין טרעפיק טיקעט".

"וואונדערבאר," רומט אים אויס דער בעל הבית. "און וואס איז מיט די סחורה? האסטו מצליח געווען זיי אפצולאדענען פון טראק בשלום?" פרעגט ער אים.

"אוי, ניין. איך האב אינגאנצן פארגעסן צו דעליווערן די סחורה," האט זיך דער דרייווער פארענטפערט.

"פארדעם האב איך דיר געשיקט דעם לאנגן רייזע און געצאלט די שפעזן, אז דו זאלסט זיך אומקערן אן דעם וואס דו האסט אויסגעפירט דיין שליחות?" האט דער בעל הבית זיך געבייזערט.

איר וועט זיך אומקערן צום אויבערשטן און איר וועט זיך אויפטון אז איר האט נישט געטון קיין עבירות, אויסגעצייכנט. עסווארט אייך אפ א געוואלדיגע שכר. אבער וואס איז מיטן 'לעשות'?

ווען מענטשן הערן דאסווארט **לעשות** מיינען זיי אז דאס מיינט מצוות. מען דארף אבער וויסן אז מצוות איז נאר דער אנהייב פון 'לעשות', ארויסצוהעלפן צום שלימות. 'לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן הבריות', דער ציל פון די מצוות איז צו אויסארבעטן דעם מענטש וואס טוט די מצוות, (בראשית רבה) דאס מיינט אז מענטשן קענען טון מצוות, אבער אפטמאל וועלן זיי פארלירן דעם ציל.

## לעשות וואס טוישט דעם מענטש

**די** מצוה פון שבת קען טוישן דעם מענטש. וואך נאך וואך, דער שבת קומט און גייט און עס טוישט דעם מענטש. נאר איר דארפט וויסן ווי אזוי אויסצוניצן די געלעגנהייט. דערפאר טאר מען נישט טון קיין מלאכה, אז מען זאל קענען ניצן דעם מח צו ארבעטן. איר קענט עסן דעם זוף ווי א גולם, אבער איר קענט אויך ארבעטן בשעת מעשה. ווען איר נעמט אריין א לעפל אין מויל טראכט אריין: 'השי"ת ברא העולם יש מאין', ער האט באשאפן די וועלט פון גארנישט. יעצט האט איר דערגרייכט אייער ציל, איר זענט נארוואס געווארן א בעסערער מענטש.

אייער תפילין קען אייך טוישן. ווען איר לייגט אייער תפילין אויפן קאפ מיט די ריכטיגע כוונות, דאן ווערט איר א בעסערע מענטש. איר וואלט בעסער געוואלט נישט אריינטראכטן נאר טון ווי א ראבאט, אבער אויב איר ווילט ריכטיגער מקיים זיין דעם לעשות דאן לייגט צו אביסל מחשבה ווען איר טוט אן די הייליגע תפילין. דעמאלטס

ווערט יעדן טאג א נייע לעשות.

לאזט נישט אייער ציצית הענגען אין זייט, אוודאי איז עס בעסער ווי גארנישט, אבער ריכטיג איז צו ניצן מחשבה ווייל אדם לעמד ילד, א מענטש איז באשאפן געווארן צו ארבעטן שווער פאר די מצוות. איר קענט דאס נישט טון אויף איינמאל, אבער הייבט אן צוביסלעך, איין מצוה אויפאמאל און איר ווערט דערגרייכן דעם ציל פון לעשות.

## דער תפקיד פון א מלאך

**א** מלאך ווערט אנגערופן אן עומד ווייל ער קען נאר שטיין אויף איין פלאץ אבער מיר ווייסן אז א מלאך גייט פון איין פלאץ צום אנדערן אויסצופירן זיין שליחות. נו, דעמאלטס פארוואס ווערן זיי אנגערופן עומדים? ווייל זיי קענען זיך נישט טוישן. א מלאך קען נישט ווערן בעסער, ס'איז נישטא קיין לעשות פאר אים. ער איז ווי א ראבאט, וואס ער איז דאס בלייבט ער אויף שטענדיג.

אין קאנטראסט איז א מענטש א מהלך, ער גייט. ער טאר נישט זיין קיין עומד און בלייבן אויף איין פלאץ. א בשר ודם דארף כסדר מאכן פארשריט. **אם בחוקותי תלכו**, זאגט דער אויבערשטער. אויב דו וועסט **גיין** אין מיינע וועגן.

## א פראגראם פארן לעבן

**הרב** רבי מענדל סאלאנטער האט געשריבן דעם ספר '**חשבון הנפש**' וואס איז א פראגראם פארן לעבן. ס'איז אינטערעסאנט נאכצוקוקן וואס נאך ער שרייבט דארט אין זיין ספר אויסער וואס מיר וועלן ארומרעדן דא. איר וועט טרעפן דארט עצות ווי אזוי צו אנערקענען אייער כוחות הנפש, דער גאנג פון א מענטשליכע מח און ווי אזוי אנצוכאפן דעם מענטשנ'ס גוטע רצונות איופצוטון גרויסע זאכן.

ווען איך האב געלערנט אין סלאוואדקע ישיבה איז געווען א צוזאמנקום פון סלאבאדקע תלמידים, ראשי ישיבות, כולל יונגעלייט, וואס פלעגן זיך צוזאמקומען פון צייט צו צייט צו ארבעטן אויף מוסר. איינס פון די פראיעקטן וואס זיי האבן זיך געוואלט אונטערגענומען איז געווען איבערצודרוקן דעם אלטן ספר פון רבינו יונה אויף משלי. איך בין געווען אנוועזנד ביי דעם אסיפה. אבער צום סוף האבן זיי מחליט געווען צו איבערדרוקן דעם ספר חשבון הנפש טראץ דעם וואס רבינו יונה איז געווען א ראשון.

די תורה ריזן זענען זיך צוזאמגעקומען איופצוטון, און פון אלע מוסר ספרים האבן זיי אויסגעוועלט צו דרוקן דעם ספר חשבון הנפש. רבי ישראל סאלאנטער אין זיין ספר אור ישראל זאגט: "עיין בחשבון הנפש". דאס איז די בעסטע רעקאמענדאציע פאר דעם ספר. רבי ישראל האט נישט רעקאמענדירט קיין אנדערע ספר נאר חשבון הנפש. דאס קומט אונז צו ווייזן די וויכטיגקייט פון דעם ספר.

## שטאט און פארזיכטיג

**איך** וועל אייך מיטן אויבערשטנ'ס הילף מיטטיילן דעם סיסטעם פונעם חשבון הנפש. דאס איז א וועכענטליכע פראגראם וואו מען ארבעט יעדע וואך אויף אן אנדערע גוטע אונטערנעמונג. צום ביישפיל אויב איר ווילט וואך איינס ארבעטן אויף '**ואהבת לרעך כמוך**', וועט איר יעדן טאג פאר צוויי מינוט זיך

קאנצענטרירן אויף דעם ענין. סוף וואך וועט איר האבן געארבעט פערצן מינוט אויף די מצוה פון ליב האבן א איד.

איך ווייס אז מענטשן וועלן לאכן אז פערצן מינוט א וואך איז זייער ווייניג, זיי קענען טון אסאך מער פון דעם. אבער א נעכטיגן טאג... האבן זיי שוין אמאל אוועקגעגעבן א סעקונדע אויף דעם ענין?! סוף וואך וועט איר האט געענדיגט אייער חשבון הנפש האט איר דערגרייכט אייער ציל פון לעשות!

דעם אנדערן וואך נעמט אן אנדערע ענין וואס דארף ביי אייך א תיקון. למשל די מידה פון האלטן דעם מויל פארמאכט. נעמט א שעה אין טאג וואס איר וועט נישט עפענען אייער מויל פאר רייד וואס זענען נישט אין פלאץ. צוביסלעך וועט זיך דער מענטש אויסלערנען צו קאנטראלירן זיין מויל.

אין דעם ספר חשבון הנפש שטייט אז דער גבורת הנפש וועבט אויס, דערפאר זאל מען זיך ריקן יעדע וואך צו אן אנדערע מידה. אבער דער עפעקט פון די הארעוואניע בלייבט אייביג מיטן מענטש אפילו ווען דער וואך האט זיך געענדיגט. די חכמה פון דעם סיסטעם איז צו ארבעטן שטאַט, איין טריט אויפאמאל.

דער פראגראם ארבעט אז מען צוטיילט די צוויי און פופציג וואכן פון יאר אין פיר, קומט אויס בערך דרייצן וואכן יעדע פערטל; און מען קלויבט אויס דרייצן אנדערע מידות אויף וואס מען וועט ארבעטן יעדע וואך אויף איין זאך. די סדר פון די דרייצן מידות חזר'ט מען איבער פיר מאל א יאר, יעדע דרייצן וואכן. איר קענט נעמען א ביכל צו האלטן חשבון אויף אייער פארשריט. במשך דעם יאר זענט איר אין א מהלך וואס מאכט פון זיך א בעסערע מענטש!

## עמילות וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט

**מען** דארף נישט קריכן צו זוכן עמילות בתורה, מ'קען עס טרעפן אויף יעדן שריט. ערב שבת ווען די בני בית איז פארנומען ביז איבער'ן קאפ מיט אלע הכנות לשבת, ווען די קליינע קינדער שלעפן איר ביים ארבל. אז זי האלט זיך רוהיג אינמיטן די איבערקערעניש הייסט דאס **לעשות**, זי האט געבויט דעם שבת מיט עמילות.

נעם א ביישפיל פון א ישיבה בחור וואס זיצט אין ביהמ"ד וואו ער הארעוועט צו פארשטיין די גמרא. ער חזר'ט איבער וואס ער האט געלערנט ביז ער געדענקט וואס ער האט געלערנט. ער וואלט ענדערש געוואלט זיצן אויף די סאפע און זיך פארטיפן אין די צייטונג אדער האט־לייינס אבער ער וועלט אויס צו ארבעטן מיט עמילות. ער הארעוועט פאר רצון השם, דאס הייסט אז ער האט דערגרייכט זיין ציל אין לעבן פארוואס ער איז באשאפן געווארן; לעשות, צו מאכן א מענטש פון זיך!

## איז טאקע אזוי שווער צו זיין פרייליך?

**מיר** קענען נאך אסאך ארומרעדן איבער עמילות אבער איך וויל צוענדיגן מיט א וויכטיגע נקודה פון 'שתהיו עמלים בתורה' וואס איז אויך אריינגערעכנט זיך צו פלאגן צו הנאה האבן פון די וועלט. מענטשן

וועלן עפּעס אפּאר אויגן אויף מיר, "אויף תענוגי עולם הזה דארף מען זיך פלאגן?!" און יא, דער וועלט איז פול מיט שמחה וואס מען קען טרעפן נאר מיט הארעוואניע. א מענטש האט מיר אמאל פארגעהאלטן פארוואס איך רעד שטענדיג ארום פון עולם הזה. איך קוק אים אן און איך זע אז ער טראגט א האנט זייגער, איך טראג נישט קיין האנט זייגער. ער דרייווט א קאר, איך דרייוו נישט קיין קאר. ער רייכערט, איך רייכער נישט. אבער איך בין דער וואס האט הנאה פון עולם הזה! יענער ווייסט נישט בכלל נישט דער באדייט פון הנאה. מען דארף נישט האבן עפּעס ספּעציעל צו זיין פריילינך נאר אביסל שכל און עמילות.

פוילע מענטשן וואס ווייסן נישט ווי אזוי מען פלאגט זיך צו זיין א שמח בחלקו וועלן גיין צו פארוויילונגס ערטער און וואקאציעס צו זיין בשמחה, אבער אויב זיי וועלן נישט אריינלייגן עמילות אין זייער עבודה פון שמחה, וועט זיי נישט העלפן זייער גרויסארטיגע פלענער פאר הנאה. אפילו די וואס פארן צו יענעם עק וועלט צו טרעפן דארט שמחה וועלן זיי גארנישט אהיימברענגען נאר מאסקיטאס און ווירוס'ן, אבער שמחה? ניין. דאס וועלן זיי אין ערגעץ נישט טרעפן נאר ביי זיך אליין ווען זיי וועלן אריינלייגן עמילות.

איר מוזט זיך אויסלערנען צו שעצן אייער אטעם. האט איר שוין אמאל געלערנט ווי אזוי צו הנאה האבן פון פרישע לופט? גייט ארויס ביינאכט אין גאס און פילט אן אייערע לונגען מיט לופט. די אקסיזשען פון די לופט מאכט אייער בלוט רויט, די אייזן פון די בלוט פאראייניגן זיך מיט די אקסיזשען וואס ווערט שנעל איינגעזאפּט אינעם קערפּער און דער גאנצער קערפּער ווערט אויפגעלעבט, ער באקומט א פרישע חיות וואס פליסט דורך זיינע אדערן. ס'איז דא א פריווילעגיע אין אטעמען. חזר'ט דאס איבער. א מענטש וואס האט זיך געלערנט צו אטעמען האט הנאה פון זיין לעבן, אבער נאר ווען ער האט אריינגעלייגט עמילות אין זיין עבודה.

אזוי קענט איר הנאה האבן פון אייער טאג טעגליכע לעבן. לערנט אייך צו שעצן אייער ברויט און וואסער. קוקט זיך ארום אין אייער סביבה. האט הנאה פון אייערע קינדער. אייערע צוויי פאר אויגן. אייער מעגליכקייט צו גיין אויף די צוויי פוס און איר וועט האבן א גליקליך לעבן!

## דער שכר פארן הנאה האבן פון עולם הזה

**דערפאר** זאגט אונז די תורה: "אם בחוקותי תלכו, אויב דו וועסט ארבעטן אין מיינע מצוות, וועסטו זוכה זיין צו אלע גוטע טובות וואס די תורה רעכנט דארט אויס. ווען דער אויבערשטער זאגט אז איר וועט האבן א לענגערע לעבן און א שפע פון עסן מיינט אז איר וועט האבן מער פרישטאגס און נאכטמאלס צו עסן? ניין, ונתתי שלום בארץ מיינט אז איר וועט האבן א לענגערע לעבן פאר מער געלעגנהייטן צו אריינלייגן עמילות פאר 'לעשות' - צו טון גוטע זאכן און זיך מאכן פאר א בעסערע מענטש צו קענען זוכה זיין פאר א בעסערע לעבן דארט, ווייל אייער סטאנציע אויף יענע וועלט ווענדט זיך אין אייער לעבן אין עולם הזה, דערפאר איז די גרעסטע שכר וואס א מענטש קען באקומען איז א לענגערע לעבן אויף דער וועלט.

# דאס גיטס פון יסורים

## שאלה:

**ווי אזוי קען א מענטש לעבן מיט די אמונה אז אלעס וואס פאסירט צו אים איז לטובה?**

## תשובה:

מיר האבן א תורה וואס איז אמת און משה רבינו איז אמת. און דארט אין די תורה וואס משה רבינו האט אונז געגעבן שטייט קלאר אז אלעס וואס הקדוש ברוך הוא טוט איז לטובה. ער האט באשאפן די וועלט פאר חסד, **עושה שמים בתבונה, כי לעולם חסדו,** ס'איז א וועלט פון חסד. און אויב עס מאכט זיך צייטן וואס עס זעט אויס ווי די פארקערטע פון חסד, ווי א צאן־ווייטאג, איז עס נאכאלץ חסד. ווען נישט די צאן־ווייטאג וואלט איר נישט געוואוסט אז איר דארפט פארריכטן די ציין אדער אכטונג געבן אויף די געזונטע ציינער. יסורים איז א חסד ווייל אזוי ווייסט מען וואס עס קומט פאר אין די קערפער, מען קען בעסער מתפלל זיין און נעמען די ריכטיגע שריט.

עס איז אמאל געווען א פרוי וואס האט נישט געהאט די חוש אין איר האנט דאס צו שפירן. איינמאל האט זי בטעות ארויפגעלייגט איר האנט אויפן גאז און נישט געוואוסט אז זי כאפט א ברי ביז זי האט געשפירט א גערוך פון פלייש וואס ברענט ר״ל. ווען מען שפירט יסורים אין די האנט ווייסט מען אז מען דארף אראפציען די האנט פון פייער.

נעמט נאך א ביישפיל פון יסורים וואס זענען א חסד: ארעמקייט. פאר געוויסע מענטשן איז ארעמקייט א ישועה. איך האב געקענט א מענטש וואס איז געווען זייער רייך. ער האט זיך אוועקגעצויגן פון לאנג־איילענד צו א געגנט וואס איז נישט געווען געאייגנט צו האדעווען פרומע קינדער אבער ער האט דארט געוואוינט צוליב זיין רייכקייט. איין טאג טרעף איך אים צוריק אין בראנסוויל, לאנג־איילענד, און איך פרעג אים וואס האט אים דא צוריקגעברענגט? ענטפערט ער מיר אז ער האט פארלוירן זיין גאנצע עשירות! ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין פריערדיגע שטאנד און צוריק ארייננגעגעבן זיינע קינדער אין ישיבה. יעצט, נאר ווייל ער האט פארלוירן זיין פארמעגן זענען זיינע דורות געראטעוועט געווארן. זיין ירידה איז געווען פאר אים א ישועה. עשירות קען זיין א געפערליכע קרענק אויב נוצט מען עס נישט ריכטיג.

אלזא, יעדעס מאל וואס איר האט עפעס וואס זעט אויס אז ס'איז דאס פארקערטע פון חסד זאלט איר גוט ארייטראכטן פון אלע גוטס וואס קומען ארויס פון די יסורים.

### שאלות און תשובות

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ״ל

## נדבת השבוע - פ' בהר בחוקותי

חלק מהוצאות להפצת שבוע זו

נתנדב לעי״נ הרה״ח ר' פנחס ב״ר יצחק ע״ה

זכות הלימוד יעמוד לכל הנדבנים החשובים שיחי'

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורות אחת שאלתי

כל הזכויות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"

printed by FLYINKOLORS 718.207.7888